בס"ד

# מ'דארף זיין א מבין
# אויף די צורה פון לבן הארמי

**מאמר השקפה**

פרשת ויצא

שנת תשע"ו לפ"ק

עס איז אריבער א שווערע וואך...

די וועלט איז נישט רוהיג, ווידעראמאל שפירט מען זיך נישט זיכער, א געפיל פון אומזיכערהייט, א הרגש אז די כוחות פון בשר ודם זענען באגרעניצט, א געפיל פון 'אם ה' לא ישמור עיר שוא שקד שומר', נעמט ארום יעדן איד וואס האט אין זיך א פינטעלע אמונה. און ווער נישט... איז א רחמנות.

ס'איז פונקט געווען אז די שרעקליכע טראגעדיע האט פאסירט אין ווייטן פאריז אז עס זאל אונז אלע א טרייסל געבן. די ווילדע רוצחים, אמאל איז געווען זייער עקספערטיז מיטן האקן מענטשליכע קעפ ווי א פיש סוחר האקט פיש, זי האבן געארבעט מיט יחידים, זייער אויסנאם איז בעיקר נאר געווען מיט זייער ברוטאליטעט און הארצלאזיגקייט. אבער היינט צו טאגס, בלויז עטליכע יאר שפעטער האבן זיי שוין געמאכט שטארקע פארשריט, זיי האבן שוין אראפגעברענגט א רוסישן פליגער מיט הונדערטער רייזענדע, זיי האבן שוין אויסגע'הרג'עט הונדערטער אומשולדיגע מענטשן ביי א פארברענג אין פראנקרייך, און זיי ציגן פאר די וועלט אז זיי האבן נישט קיין פראבלעם מיט גארנישט, און ווי זיי שטעלן זיך נישט אפ פאר גארנישט.

עס איז שרעקליך...

אין די זעלבע טעג קומט אן פון ארץ ישראל זייער שווערע נייעס.

וואס איז די נייעס?! מ'קען אנהייבן צו רעדן און דערציילן פאליטיק, רעדן בחלקלקות לשון, דרייען מיטן צונג ארויף און אראפ, און זיך אליינס וועלן פאפן און פרובירן אפשר וועט געלונגען אויך צו פארדרייען א קאפ פאר אנדערע, אבער אין טרוקענע ווערטער איז דער מציאות 'די גזירת הגיוס גייט אריין אין קראפט בהסכמתם המלאה פון די מרבנן ורבנן חברי מועצג"ת'.

עס גלייבט זיך נישט?! טאקע נישט, אבער אויב דאס איז דער מציאות איז שוין די העכסטע צייט אויפצושטיין פון שלאף, עס איז צייט אז מ'זאל אנהייבן צו זעהן די מציאות הנראה לעינים, און רעאליזירן די וועלט אין וועלכן מיר לעבן, און אלעס וואס דרייט זיך ארום אונז.

### די צורה פונעם פעטער לבן הארמי

לאמיר אבער אריינקוקן אין די סדרה, ליכא מידי דלא רמיזי, אלעס וואס שפילט זיך אפ אויף די וועלט דארפן מיר טרעפן אין חומש'ל.

א הויפט ראלע אין פר' ויצא שפילט דער אלט באקאנטער 'פעטער לבן', א קאמפליצירטער פארשוין וואס מיר האבן שוין באגעגענט אין פרשת חיי שרה, היינט וואלט מען אים אנגערופן אלס אזא איינער וואס 'די אויגן שטייען אים נישט גראד אין קאפ'.

אויסערליך האט ער געשפילט א ערנסטער שפיל, נאך ווען אליעזר עבד אברהם איז געקומען זוכן א כלה פאר יצחק, און ער האט געהערט אז יענער האט געלט, איז ער געקומען צו לויפן צום באר מיט א פרומע צורה און ער האט געשריגן "ואנכי פניתי הבית מעבודה זרה", פאר אפאר דאללאר האט ער גערן מסכים געווען צו שיקן זיינע עבודה זרה'לעך אויף דאטשע, שפעטער ווען מ'האט געהאנדלט איבערן שידוך האט ער גענומען אן אקטיווע ראלע, כאטש וואס די עלטערן זענען דערביי געווען און קיינער האט זיין מיינונג נישט געפרעגט. למעשה איז ער געבליבן אויף לדורות דער בעל המימרא פון 'נקרא לנערה ונשאלה את פיה' פון וואס מ'לערנט ארויס אז 'קידושין מדעתה'. ער איז געבליבן דער בעל המימרא פון די ברכה 'אחותינו את היי לאלפי רבבה'.

> **אזא לבן הארמי דערמאנט גאר פון די דייטשן ימ"ש, אלע רציחות, אלע תועבות, דאס ארגסטע וואס דער מה קען דערהייבן איז געווען ביי זיי העכסט נארמאל, אבער 'העפליכקייט, מענטשליכקייט, פונקטליכקייט', דאס איז ביי זיי געווען דאס ערשטע "אה, לא יעשה כן במקומינו', עס איז נישט מענטשליך אזוי...**
>
> **פאר אפאר דאללאר האט ער גערן מסכים געווען צו שיקן זיינע עבודה זרה'לעך אויף דאטשע, שפעטער ווען מ'האט געהאנדלט איבערן שידוך האט ער גענומען אן אקטיווע ראלע**

די וואך אין די סדרה, ער איז שוין מיט 100 יאר עלטער לפי החשבון, ער איז געבליבן דער אלטער פָּאפֶּער, דער אלטער געלט-גייציגער פארשוין, ווייל אז מען ארבעט נישט אויף די מידות ווערט

מען נישט קיין מענטש, נישט קיין חילוק ווי אלט מ'איז. זעהט מען ווידער ווי ער איז געקומען צו לויפן צום באֵר, ער האט דעם קרוב זיינעם, יעקב אבינו, ארומגענומען, ער האט אים געקושט, ער האט אלעס געטון אז ער זאל קענען געוואויר ווערן צי עס איז דא ביי אים עפעס געלט אויף וואס ער זאל קענען לייגן די האנט.

ווען ער האט געזעהן אז יעקב האט גארנישט ביי זיך האט ער ווידער אנגעשטעלט דעם תמימות'דיגן פרצוף "הכי אחי אתה ועבדתני חינם", און ער האט אים אנגעטראגן ארבעט אין אויסטויש פאר שידוכים. ווען ער האט יעקב'ן אזוי מיאוס אויסגעפאפט ווען ער האט אויפגעטוישט רחל מיט לאה, האט ער אויך געענטפערט מיט א תמימות "לא יעשה כן במקומינו לתת הצעירה לפני הבכירה", ווי כאילו דאס איז געווען ווי א זעלבסט-פארשטענדליכע זאך מעיקרא, און ער האט נאך געוואלט געבן דעם געפיל פאר יעקב אז ער איז גאר מאדנע אז ער האט אנדערש געטראכט.

שפעטער, נאכדעם וואס ער האט יעקב'ן אזוי מיאוס באקריוודעט איז ער ווידער געקומען צו גיין מיטן פארקנייטשטן געזיכט "נקבה שכרך עלי ואתנה, ויברך ה' אותי לרגלך"... ער וויל פשוט באצאלן יעקב פאר זיין געטרייע ארבעט די אלע יארן. אויך ביי דעם ארימען הסכם האט לבן זיך ארויסגעשטעלט מיט זיין מכלומר'שטע תמימות ווען פון די צווייטע זייט האט ער זיך אויפגעפירט 'טיפיקל לבן הארמי', ביז יעקב אבינו האט אים געשטעלט אין פלאץ, און דאן האט ער געמאכט פליטה מיט די גאנצע משפחה. ווען ער זאגט זיי בעפאר ווי אזוי זיין מצב וואלט ווען היינט געווען ווען ער פארלאזט זיך ווען אויף לבנ'ס טובות, "לולי אלקי אבי, אלקי אברהם ופחד יצחק" וואלט איך זיך דערזעהן פארלוירן און בא'גזל'ט פון די טראציגקייט פון לבן.

**"גיוס בני הישיבות!"**

**דאס איז געווען א ווארט וואס האט קיין איד אויף די וועלט נישט געלאזט קיין מנוחה, ס'טייטשט בחורים, וואס דארפן לערנען, זייערע עלטערן זוכן זיי צו געבן א חינוך פון תורה און יראת שמים זאלן מוזן בעל כרחם גיין אויף אן ארט וואס טוט פראקטיצירן דאס פארקערטע דערפון, גיין בידים מטמא זיין הייליגע בחורים, דאס האט מען נישט געקענט זיך ערלויבן.**

אבער דער פארשוין האט זיך נאכנישט בארעכנט, ער האט זיך נאכנישט געשעמט פון זיך אליין, ער איז נאכגעלאפן יעקב אבינו - נעמט אין באטראכט אז עס איז די רעדע פון א מענטש איבער די 120 יאר לפי החשבון - און ער האט געמאכט א 'דרך שבעת ימים' ביום אחד - און דארט האט ער געוויינט מיט קראדאקיל טרערן 'ולא נטשתני לנשק לבני ולבנותי', ער האט געוויינט ווי דער גוטער זיידע וואס גיט צוקערלעך פאר די וואוילע אייניקלעך, וועמען מ'האט בא'עולה'עט מיט דעם וואס מ'האט זיך נישט געהעריג געזעגענט, און פארדעם האט ער געמוזט נאכלויפן דעם גאנצן וועג, און דארט על אם הדרך האט יעקב אבינו געמאכט מיט אים א שטיקל הסכם, און מ'האט זיך דארט פארגליכן.

אחרי ככלות הכל, נאך די גאנצע מעשה, נאך אלע תמימות'דיגע פעולות פון דעם רשע, וואס ער האט פרובירט אז ער זאל דאס קענען אויספירן, און ער האט נאך יעדע שריט זיינע באשטעטיגט מיט שיינע טענות ומענות - און זיי זענען נאך געווען גערעכט, והא ראי' אז רוב פון זיינע ווערטער זענען אפילו אנגענומען געווארן להלכה אין חז"ל - זאגן מיר אבער בליל התקדש החג בשעת די הגדה "ארמי אובד אבי, שפרעה לא גזר אלא על הזכרים ולבן ביקש לעקור את הכל", לבן הארמי גייט אריין אין די ארגסטע קאטעגאריע, אמת ער האט נישט גע'הרג'עט קיין מענטשן, ער האט קיינעם נישט דערשטאכן צום טויט, אבער 'ביקש לעקור את הכל', ער איז געווען זייער א פינסטערער עלעמענט, ער האט געהאט שרעקליכע בייזוויליגע כוונות, און מיט זיין פאלשן פרצוף האט ער נאך געוואלט אלעס ארייגלייגן אין נארמאלקייט, מענטשליכקייט, "לא יעשה כן במקומינו", ער האט אלעס געגעבן לעגאליטעט, און דארט האט געשטעקט דער שרעקליכער חורבן מיט לבן הרשע.

אזא לבן הארמי דערמאנט גאר פון די דייטשן ימ"ש, אלע רציחות, אלע תועבות, דאס ארגסטע וואס דער מח קען דערהייבן איז געווען ביי זיי העכסט נארמאל, אבער 'העפליכקייט, מענטשליכקייט, פונקטליכקייט', דאס איז ביי זיי געווען דאס ערשטע "אה, לא יעשה כן במקומינו', עס איז נישט מענטשליך אזוי...

## לבן ביקש לעקור את הכל

עס איז שווער צו זאגן, עס איז אבער סך שווערער נישט צו זאגן.

מיר שטייען אין חודש כסלו תשע"ו לפ"ק, לאמיר אוועק רוקן דעם 'פעטער לבן' אין א זייט, לאמיר זיך נישט פארמאכן די אויגן, לאמיר נישט לאזן פארדרייען אונזערע קעפ מיט הבלי הבלים, און זאגן דעם שרעקליכן ווייטאגליכן אמת אין פנים אריין:

**"לבן ביקש לעקור את הכל!"**

מיט 67 יאר צוריק בשנת תש"ט לפ"ק איז געווען דער ראש הממשלה דער פוקר ושונא דת בן גוריון ימ"ש, ער איז געווען 'פרעה הרשע', ער האט פיינט געהאט ערליכע אידן, ער האט ארויסגעגעבן גזירות, ער האט אזוי געהאפט און אזוי געוואלט זעהן א סוף צו כלל ישראל, און ער האט זיינע טריפה'נע כוונות נישט באהאלטן. אין יענע צייטן איז געווען כמעט ווי א זיכערע זאך אז אידישקייט און שמירת התורה והמצוות אין מדינת ישראל וועט נישט קענען צו לאנג עקזיסטירן בכלל.

דאך, איז געלונגען אז אפילו דער רשע זאל כאטש אויף אזויפיל נאכגעבן און ער האט בשעתו באשטעטיגט אז די 400 בחורים לומדי תורה וואס זענען געווען אין יענע תקופה אין ארץ ישראל זאלן קענען ווייטער ממשיך זיין צו זיצן אין לערנען.

יא, דער פרעה הרשע איז געווען דער וואס האט באפרייט 'שבט לוי' פון די עבודת הפרך, והיינו דאהני לי' אז עס האט יא געקענט בלייבן אן עולם הישיבות אין ארץ ישראל, צענדליגער טויזענטער לומדי תורה זענען דארט געוואקסן מאז ועד היום הזה.

ליידער, וואס בן גוריון נאכגעגעבן האט זיך געטוישט אין די תקופה פון ביבי נתניהו, דער אומפארשעמטער 'טוב ליהודים', דער וואס ביום הנצחון פון זיינע בחירות האבן זיינע פרומע ווידלעך געגעבן לחיים אין די שוהלן, ממש א נצחון.

עס פלאמט דער פנים פאר בושה, מ'שעמט זיך דאס ארויסצוזאגן, און די מועצגה"ת וואלט ווען זיכער געצאלט גרויס געלט פאר לבן הארמי זאל קומען מיט א פארקנייטשטן געזיכט און ארויסקראצן עפעס א פרומע מימרא, אבער דער מציאות איז אז יא! די פרומע פארטייען, מיט די אונטערלאגע פונעם זיגל פון מועצגה"ת האט מסכים געווען צום גזירת הגיוס! פינטל.

ס'פעלט נישט קיין תירוצים, און ס'מאנגלט נישט אין קיין הסברים, מ'שטופט אהער און מ'דרייט אהין, אבער דער טרויעריגער שרעקליכער מציאות איז ליידער דאס אז אמאל איז געווען 'גיוס' א היה לא תהיה, עפעס וואס מ'האט נישט אנערקענט און עס איז נישט געווען איבער וואס צו רעדן, און היינט איז שוין לעגיטום צו רעדן דערפון, אן אנערקענטער מציאות, די שאלה איז נאר ווען און ווי אזוי.

באמת, ס'גלייבט זיך נישט אליין אז דאס איז דער מצב וואו מיר האלטן היינט צוטאגס.

די טעמע איבער מיליטער איז א זאך וואס מיט נישט לאנג צוריק איז דאס געווען פסול, פסול מיסודו, פסול מעיקרו, און קיינער האט נישט געטראכט אז עס וועט קומען א טאג וואס מ'וועט זיך אפילו טראכטן צו פארמעסטן דערמיט. די חרדי'שע וועלט האט געציטערט און געשטורעמט דערקעגן, און ווען מיר זאגן 'די וועלט' וועלן מיר זיך נישט באציעהן נאר צו די אמת'ע צדיקים צו די אמת'ע ערליכע אידן וואס האבן געוויינט און געבלוטיגט אויף דעם עצם עקזיסטענץ פון די מדינה, אויפן עצם טריפה'נעם טאפ, און נישט בלויז אויפן חזיר פיסל... נאר אפילו די אזויגערופענע 'פרומע', די וועלכע האבן זיך באקוועם געמאכט מיט די מדינה, די וואס האבן באזעצט די בענקעלעך אין כנסת המינים, און זיך אנגעשטאפט די טאשן מיט זייערע שמוציגע געלטער, און אנשטאט דעם פארמאכט דאס מויל און די אויגן נישט זעענדיג און נישט הערנדיג פון זייערע גזירות און עקירת הדת, האבן אין דעם פאל אויך אויפגעציטערט.

"גיוס בני הישיבות!"

דאס איז געווען א ווארט וואס האט קיין איד אויף די וועלט נישט געלאזט קיין מנוחה, ס'טייטשט בחורים, וואס דארפן לערנען, זייערע עלטערן זוכן זיי צו געבן א חינוך פון תורה און יראת שמים זאלן מוזן בעל כרחם גיין אויף אן ארט וואס טוט פראקטיצירן דאס פארקערטע דערפון, גיין בידים מטמא זיין הייליגע בחורים, דאס האט מען נישט געקענט זיך ערלויבן.

**דער בנו ממלא מקומו, דער וואס איז פארנומען מיטן שיקן בריוו צום ראה"מ איבער בויען אין פרישע יידלונגען, ער האט אויך א מיינונג איבער וואס נתניהו דארף צו רעדן ביי זיין באזוך אין אמעריקע, און מער און מער מסלף זיין דעם דרך פון ערליכע אידן, וואס האט ער צו זאגן ווען ער זעהט ווי זיין טאטנס קדיש איז געגאנגען לבטלה?!**

**עס איז שרעקליך! עס איז א מצב וואס מיר דארפן ארויסקומען מיט א ביטערע ווי געשריי "כי נמכרנו אני ועמי להשמיד להרוג ולאבד".**

אפילו ווען עס איז געווען די רעדע פון נישט די גרעסטע מתמידים, אבער בחורים וואס האפן אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל, בחורים וואס זייער עתיד איז געווען צווישן כלל ישראל, ווען זיי קומען אן אין מיליטער גייט אלעס א גאנג, ליידער, 'רבים חללים הפילה' איז נאך זייער ווייניג געזאגט.

און היינט, אביסל צייט אריבער, נאך אביסל וואסער איבערן אקינוס און אויך דאס איז באשטעטיגט געווארן.

וואס דארפט איר מער פון דעם?! דאס איז דאך געווען איינע פון די גרעסטע 'השגים' וואס די אגודה האט טרומפירט אין יענע יארן, דאס איז געווען איינע פון זייערע שטארקסטע אויפטועון מיט וואס מען האט איבערגעדרייט וועלטן, און וועגן דעם האט מען בא'חוב קדוש'ט כלל ישראל צו לויפן צו די בחירות, אלעס ווייל זיי האבן דערגרייכט א השיג, אז מען זאל 'פארגעסן' פון נעמען די בחורים אין מיליטער.

עס איז קאמיש צו דערמאנען ווען אין א שיינעם טאג מיט א דרייסיג יאר צוריק האבן אידן אין די ירושלים'ער שטיבלאך דערזעהן ווי ר' משה פרוש, דער לאנג-יעריגער אפזיצער אין ירושלים'ער שטאטראט, האט זיך גענומען זאגן 'קדיש', מענטשן וועלכע האבן געוואוסט אז זיינע נאנטע זענען שוין לאנג נישט אויף דעם עולם, האבן זיך געוואונדערט "נאך וועמען זאגט ער דא קדיש?"

ווען מען האט אים געפרעגט דערויף האט ער געענטפערט "איך זאג קדיש נאך דוד-בן-גוריון"...

מענטשן האבן אים אנגעקוקט ווי פון די לבנה, מען האט נישט געוואוסט וואס צו זאגן און וואס צו טראכטן, ער האט זיך נישט

געטראפן אויף וועמען צו זאגן קדיש ווי אויף דעם גרעסטן עוכר ישראל און עוקר הדת, דער רשע מרושע דוד בן גוריון, טאקע דער וועלכער איז געווען דער וואס האט פארגאסן אזויפיל אידיש בלוט פאר די מדינה הטמאה, דער וואס האט מעביר על הדת געווען טויזענטער אידישע קינדער, אפגע׳שמד׳עט דעם גרעסטן טייל פון כלל ישראל, וואס קומט זיך אים עפעס א ׳קדיש׳ לאחר פטירתו?

ער האט אבער אזוי פארשטאנען ״א דאנק בן גוריון האט מען זיך נישט וואוסנדיג געמאכט פון גיוס בני הישיבות, מען האט צורו געלאזט די בחורים פון די ישיבות און זיי נישט גענומען אין מיליטער, איבער דעם זאג איך קדיש׳...

**יא, אונזערע קינדער דארפן וויסן אין די קומענדיגע דורות אז ערליכע אידן וואס האבן נישט פארקויפט זייער נשמה צום שטן זענען געבליבן וואך אין די שווערע תקופה, מ׳איז נישט איינגעשלאפן, ס׳האט ווי געטון און מען האט טאקע געשריגן דערקענן מיט אלע כוחות, מ׳האט מוחה געווען קעגן די וואס זענען געווען די ״מוסרי מפתח התורה לידי מפירי׳, און מ׳האט זיך איבערגעצייגט אז די אלע וואס האבן זיך געהאלטן קלוגער פון די פריערדיגע צדיקים האבן סוכ״ס באצאלט דעם פרייז דערפאר.**

וואס פרוש׳ס קדיש האט געהאלפן פאר די שמוציגע נשמה פון דוד בן גריון שר״י ווייסן מיר נישט, אבער ״מרנן ורבנן שליט״א״ צו אייך איז די שאלה געווענדעט ״וואס וועט זיין מיטן קדיש?״

דער בנו ממלא מקומו, דער וואס איז פארנומען מיטן שיקן בריוו צום ראה״מ איבער בויען אין פרישע זידלונגען, ער האט אויך א מיינונג איבער וואס נתניהו דארף צו רעדן ביי זיין באזוך אין אמעריקע, און מער און מער מסלף זיין דעם דרך פון ערליכע אידן, וואס האט ער צו זאגן ווען ער זעהט ווי זיין טאטנס קדיש איז געגאנגען לבטלה?!

עס איז שרעקליך! עס איז א מצב וואס מיר דארפן ארויסקומען מיט א ביטערע ווי געשריי ״כי נמכרנו אני ועמי להשמיד להרוג ולאבד״, מיר דארפן שאקלען די אמות הסיפים.

## וואס וועט מען אויפטון?!

א שווערע שאלה, וואס וועט מען אויפטון מיטן שרייען און מיטן פארפירן.

איין זאך וואס מ׳וועט אויפטון איז אז דער ציבור וועט זיך דערמאנען וואס פארא ווייטע וועג מ׳איז געגאנגען אין אזא קורצע תקופה, הערשט נעכטן זענען אזויפיל הונדערטער טויזענטער אידן געשטאנען ביי די עצרת המיליאן אין ירושלים, און כאיש אחד בלב אחד האט מען אויסגעשריגן דעם ווי געשריי פון ערליכע אידן.

דער ווי געשריי האט בכלל נישט געהאט צוטוהן מיט דעם וואס דעמאלטס איז געווען א ממשלת לפיד-בנעט, דער ווי געשריי איז געווען איבער ׳גיוס׳, און אט דער גזירת הגיוס איז היינט אויך דא פונקט אזוי, און מיט א שמוטשקעלע אריבער.

דער ווי געשריי איז יעצט איבער די שלאף-פילן וואס מ׳גיט פארן ציבור, א שיינער באגריף, א ׳תקופת הסתגלות׳, בזדון גייט מען ארבעטן אויפן ציבור, מ׳שטיינס געזאגט מ׳פרובירט צו שלעפן צייט, אין די צייטונגען שרייבט מען אז מ׳האט געמאכט ׳שינוים בחוק׳, און דערוייל לא מינייהו ולא מקצתו, עס איז נישטא קיין שום שינוים, גארנישט האט זיך נישט געטוישט, נישט נאר מ׳האט נישט אפגעשטופט די גזירה, נאר אפילו יעצט זאגן זיי קלאר אז זייער קוואטע וועט יערליך געדענקט ווערן, און צענדליגער טויזענטער בחורים וועלן סוכ״ס אנקומען צו זיין אין מיליטער.

אויב ביז היינט האט דאס יהדות החרדית רעאגירט מיט א הילכיגן ״ניין״, און די רשעים האבן אויך געוואוסט אז אונזער ׳ניין׳ האט דעקונג, מיר זענען אלעמאל גרייט זיך צו שלאגן, מיר זענען גרייט אויף מסירות נפש, און ווען מיר זענען עפעס מחליט איז קיינער נישט שטארקער פון אונז, יעצט איז דא א קול ענות חלושה, א קול פון א הסכמה, א אויבערפלעכליכע מהלך פון זיך פארשטעקן דעם קאפ ווי א בת היענה, און זאגן פאר אנדערע אז מ׳האט עפעס אויפגעטון ווען דער מציאות איז ליידער פארקערט.

יבואו הם ויעידו על עצמם. מיר דארפן היינט ארויסנעמען זייערע צייטונגען, זיך נעמען מעתיק זיין די מאמרים פון ׳המודיע׳ און ׳יתד נאמן׳ פון תשס״ג און תשס״ה, אויפווייזן שווארץ אויף ווייס וואס זיי האבן דעמאלטס געשריבן, אויף וואס זיי האבן לוחם געווען, ווי אזוי זיי אליין האבן פארשטאנען וואס פארא אומגליק דער היינטיגער סטאטוס איז, און ווי אזוי די מלחמה וועט געפירט ווערן אויב עס וועט קומען צו אזא מאמענט. מי מילל ומי פילל, ווער האט דעמאלטס געטראכט אז עס וועט קומען דער טאג וואס מ׳וועט רעדן פון ׳גזירת גיוס׳ ווי כאילו מ׳רעדט פון ׳גלאבאל ווארמונג׳ עפעס וואס אינטערעסירט ווי די פאראיעריגע שניי, און מ׳ערלויבט זיך צו מאכן הסכמים אין אזא הייקעלע נושא.

אוודאי דארפן מיר שרייען, אוודאי דארפן מיר מעורר זיין דעם דעת הקהל, פשוט ׳כדי שלא יאמרו מדשתקי׳.

יא, אונזערע קינדער דארפן וויסן אין די קומענדיגע דורות אז ערליכע אידן וואס האבן נישט פארקויפט זייער נשמה צום שטן זענען געבליבן וואך אין די שווערע תקופה, מ׳איז נישט איינגעשלאפן, ס׳האט ווי געטון און מען האט טאקע געשריגן דערקענן מיט אלע כוחות, מ׳האט מוחה געווען קעגן די וואס זענען געווען די ״מוסרי מפתח התורה לידי מפירי׳, און מ׳האט זיך איבערגעצייגט אז די אלע וואס האבן זיך געהאלטן קלוגער פון די פריערדיגע צדיקים האבן סוכ״ס באצאלט דעם פרייז דערפאר.